# LIVING TORAH

## פרשת נשא

**בס"ד**

י"א ניסן תשל"ב

### **הישג תמורת מאמץ**

און (אין דערויף איז) דאָ קומט דער ביאור אויף דער קשיא הידועה (וואָס בנוג) – ווי ס'ווערט שוין געבראַכט די התחלה פון דער קשיא אין מדרש, אָבער איצטער ווערט דאָס געפרעגט על כל צד ושעל:

אַז אויב דער אויבערשטער וויל אַז אַ איד זאָל זיך פירן ווי ס'שטייט אין שולחן ערוך, על פי התורה והמצוה – פאַרוואָס מאַכט ער אים אַזויפיל שוועריקייטן?! דער וואָס וויל זיך פירן על פי שולחן ערוך; וואָס דאָס וויל דאָך יעדער איד, ווי דער רמב"ם פסק'נט אָפּ, אַז יעדער איד, איז אויב ניט "יצרו תקפו" (אנסו) איז אָט דעמאָלט וויל ער ממלא זיין דעם רצון פון דעם אויבערשטן, איז וויל ער דאָך לערנען תורה און מקיים זיין מצוות – פאַרוואָס לייגט מען אים כמה קישויים והעלמות והסתרים, אַז ער דאַרף האָבן אויף דערויף אַ יגיעה? ביז וואַנענעט, אַז מ'זאָגט אים "בכל מאדך" – ביז דעם ענין פון מסירת נפש!

בשעת מ'טרעפט [זיך אָן] אויף אַ שוועריקייט, קומט דאָך גלייך דער יצר מצד השמאל, דער יצר הרע, מיט דער טענה, אַז אויב דאָס איז רצון הבורא, און דו ביסט דאָך מאמין באמונה פשוטה אַז דער אויבערשטער איז בעה"ב בכל פרט ופרט בימינו אלו בכל מקום ומקום – איז ווי קומט דאָס, אַז ס'זאָל זיין אַ דבר והיפוכו: דער אויבערשטער וויל, אַז דו זאָלסט מקיים זיין די און די מצוה, און כדי איר צו מקיים זיין דאַרפסטו זיך אָנשטרענגען דו זאָלסט קענען צוקומען דערצו.

איז דאָס ניט דער טעם חס ושלום, אַז דער עצם הטוב וויל מאַטערן אַ אידן וכיו"ב, נאָר אדרבא – ער וויל אים געבן אַ מעגלעכקייט, אַז די מצוה זאָל זיין ניט ווי ס'איז געווען "אשר נאכל במצרים חינם", ווי ער טייטשט אָפּ אין זוהר אַז אין סיטרא דלעומת זה גיט מען "חינם", משא"כ אַן ענין פון מצוות וויל דער אויבערשטער אַז דאָס זאָל זיין דוקא בכסף, דוקא בהשתדלות, ניט "חינם" – וואָס דעמאָלט האָט ער דעם געפילט אַז דאָס איז זיינע,

און דוקא מצד די טייערקייט פון תורה ומצוות, און מצד די טייערקייט פון אידן, וואָס דער אויבערשטער וויל אַז זיי זאָל אָנקומען תכלית השלימות, און (זיי) ביי זיי זאָל זיין דער ענין פון תורה אין אַן אופן פון "ומצאת" – האָט ער דאָס פאַרבונדן דוקא מיט "יגעת",

ווי ער די גמרא זאָגט אין מגילה "יגעת ולא מצאתי אל תאמין" – ס'קען גאָר ניט זיין אַזאַ מציאות, וואָרום דער אויבערשטער וואָלט ניט געגעבן אַ אידן אויף מאַטערן זיך סיידן צוליב אַ תכלית נעלה ביותר; וויבאַלד אַז ס'איז געווען "יגעת", דערפאַר וואָס דער אויבערשטער האָט געזאָגט, אַז ער דאַרף זיין יגע בתורה – איז אַ זיכערע זאַך, אַז ניט נאָר ער וועט זיין "יגעת ונשכר": ער וועט האָבן אַזויפיל לויט זיין יגיעה – נאָר ס'וועט זיין "ומצאת",

וואָס דאָס איז דער ביאור אויף די שוועריקייטן וואָס מ'האָט כדי צו דערגרייכן צו אַ דבר טוב בכלל, און כדי צו דערגרייכן צו אַ ידיעה בתורה, אַ ידיעה אמיתית, און צו קיום המצוות כדבעי, וואָס דעמאָלט קען דאָס ניט זיין "חינם", נאָר ס'דאַרף זיין דוקא בשכר – איז דאָס פאַרבונדן מיט אַ השתדלות בצד האדם, וואָס דעמאָלט ווערט ער בדרגא פון דעם מצַוה המצוה און פון נותן התורה, כביכול.



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת נשא

נאָר אויף דערויף זאָגט מען, אַז דאָס איז ניט ח״ו אַז ס׳איז אַ הכרח, אַז מ׳זאָל זיך מאַטערן אין אַ מעטערניש עצומה – (זאָגט ער) אויף דערויף דערציילט ער אין מדרש, אַז בשעת ר׳ חנינא בן דוסא האָט געוואָלט עולה לרגל זיין און ער האָט ניט געהאַט וואָס צו ברענגען, און ער האָט געפונען אַן אבן גדולה, וואָס ער איז ניט געווען ניט בכח אַליין איר מעלה זיין לירושלים. זיינען צוגעקומען מלאכים בצורת בני אדם און זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי וועלן דאָס טאָן פאַר אים, נאָר וואָס דען? – ער זאָל אונטערלייגן ״אצבע קטנה״. און בשעת ער האָט אונטערגעלייגט ״אצבע קטנה״, האָט ער אַ קוק געטאָן – אַז ער שטייט אין ירושלים מיט דער אבן גדולה.

וואָס לכאורה – ממנ״פ: וואָס האָט ער דאָ אויפגעטאָן מיט דער ״אצבע קטנה״? ס׳דאַרף אָבער זיין ״לא יראה פני ריקם״; בשעת מלאכים טראָגן אַרויף דעם אבן גדולה – איז דאָס ניט זיינע; דאָס איז (״לא יראה) ״יראה ריקם״. האָט מען געדאַרפט האָבן אַז דאָס זאָל זיין זיינע, על כל פנים מיט אַ השתדלות פון ״אצבע קטנה״.

על דרך זה, בשעת מ׳זאָגט אויפן אויבערשטן, אַז ״לא בעמל ולא ביגיעה ברא הקב״ה את עולמו״ נאָר וואָס דען? ״בדיבור פיו״ – איז דאָך דערפון פאַרשטאַנדיק, אַז ווערן אַ ״שותף להקב״ה במעשה בראשית״ דאַרף דאָס ניט זיין דוקא ״עמל״ כפשוטו, האָרעווען רח״ל און פאַרשוואַרצט ווערן, ״ולא ביגיעה״ – ס׳איז גענוג אַז ס׳וועט זיין ״בדיבור פיו״.

ער דאַרף דאָס אָבער טאָן על דרך ווי ביי דעם אויבערשטן כביכול דער ענין פון דיבור פיו איז ״אנא נפשי כתבית יהבית״; דער ״דיבור פיו״ וועגן וועלכן ס׳רעדט זיך איז דאָך דאָס די ״עשרה מאמרות שבהם נברא העולם״, וואָס דאָס זיינען די עשרה מאמרות מיט וועלכע תורה הויבט זיך אָן. זאָגט ער אויף דערויף אין שבת ״אנא נפשי כתבית יהבית״, ווי דער בעל שם טוב טייטשט דאָס אָפּ, אַז דער אויבערשטער האָט אַריינגעשריבן ״נפשי״ אין דעם ״כתבית״, און דאָס האָט ער געגעבן אין ״יהבית״ צו אידן.

און דעמאָלט איז גענוג אפילו ״בדיבור פיו״: אָט וואָס פאַר אַ יגיעה והשתדלות ס׳וועט זיין פון אַ אידן, בשעת ס׳וועט אָבער זיין ״אנא נפשי״, אַז ער לייגט זיך אינגאַנצן אַריין אין דער השתדלות, איז אע״פ וואָס די השתדלות בכמות איז אַ קליינע, אָבער אין דערויף ליגט ער דאָך ״בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאדך״ – איז אָט דעמאָלט גיט ער דעם זעלבן חלק כביכול ווי ס׳גיט (דער בורא ועושה) דער בורא מעשה בראשית, און אָט דעמאָלט ווערן זיי ביידע שותפים.



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.